**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט עפענונג פון ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער'ס נייע 3.3 מיליאן דאלארדיגע לאקאציע אין לאנג איילענד**

***סטעיט געלטער באַרייכערן טשיילד קעיר סערוויסעס, עפטער-סקול פראגראמען, ארבעטסקראפט טרענירונג און ברייטע פאמיליע שטיצע סיסטעמען***

***ערגענצט גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פארברייטערן אפאָרדעבעל טשיילד קעיר אפציעס פאר ניו יארקע פאמיליעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון די ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער'ס נייע 3.3 מיליאן דאלארדיגע לאקאציע אין די טאון אָוו סאַוטהעמפטאן, לאנג איילענד. שטייענדיג אויף זעקס אקער וואס איז נתנדב געווארן פאר BHCCRC אין די פריע 1950'ער יארן, צייכנט די ערשט-קלאסיגע 7,828-סקווער-פיסיגע געביידע אפּ א באדייטנדע ערווייכונג אינעם אויסברייטערן קריטישע סערוויסעס און באדינען ארבעטנדע פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט וועלכע וואוינען אין לאנג איילענד'ס איסט ענד. זיך קאנצענטרירנדיג אויף אפאָרדעבעל טשיילד קעיר (פלעי גרופּ א.ד.ג.), באַרייכערן זומער פראגראמען און פארשידנארטיגע פארוויילונג אקטיוויטעטן, באפולמעכטיגט BHCCRC פאמיליעס און קינדער בשעת'ן פלעגן געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג.

"די נייע לאקאציע וועט העלפן פארברייטערן צוטריט צו די טשיילד קעיר אפציעס פון א הויכע קוואליטעט און די עדזשוּקעישען פראגראמען וואס קומען זיך פאר פאמיליעס אין איסט ענד און אריבער גאנץ לאנג איילענד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אינוועסטירן אין די ערשט-קלאסיגע לאקאציע, אינוועסטירן מיר אין ארבעטנדע עלטערן און מיר גיבן זיי די שטיצע וואס זיי דארפן צו פארבלייבן אין די ארבעטסקראפט בשעת'ן צושטעלן פאר זייערע קינדער די באַרייכערטע לערנונגען און קעיר."

די ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער ( Bridgehampton Child Care & Recreational Center, BHCCRC) – א קאמיוניטי-באזירטע מוסד וואס איז היסטאריש געווען טונקל-הויטיג – איז שוין א לייכטטורעם פון שטיצע פאר באזייטיגטע איסט ענד קינדער און ארבעטנדע פאמיליעס פאר דורות. BHCCRC אפפערט בויגזאמע סקעדזשול אפציעס, ארבעטסקראפט טרענירונג, באַרייכערנדע עפטער-סקול פראגראמען, זומער און צענערלינג פראגראמען, קאלעדזש צוגרייטונג קלאסן און אן עסנווארג שראנק. די נייע צענטער האט מערערע קלאס צימערן, א קאמפיוטער לאבארעטאריע, פלעצער פאר פריוואטע לערער, אפיסעס, נאך בית כסא'ס, פלאץ פאר קאמיוניטי פארזאמלונגען און א קיך, און עס וועט שטופן פאר אן אריינגעמיגע און נערנדע סביבה פאר לערנען, וואוקס און געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג. מיט א פארמערטע קאפאציטעט, וועט BHCCRC קענען באדינען מער קינדער און פאמיליעס, פארשטערקערנדיג די איסט ענד קאמיוניטי דורכן צושטעלן וויכטיגע עדזשוּקעישען, באַרייכערונג, טשיילד קעיר און שטיצע פאר די וואס דארפן דאס די מערסטע.

אלץ א גרונדשטיין פון די איסט ענד קאמיוניטי, שטיצט BHCCRC די וואוילזיין און שטאנדהאפטיגע וואוקס פון די ראיאן. עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט שטיצט די נייע צענטער מיט א $300,000 גרענט, רעקאמענדירט דורך די לאנג איילענד ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Long Island Regional Economic Development Council, LIREDC), אפשפיגלנדיג ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו שטופן פאר גרעזעלשאפטליכע גלייכקייט און צו פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר פארקוקטע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "א בליהענדע עקאנאמיע איז געקניפט און געבינדן מיט אן ארבעטסקראפט וואס איז אויסגעשטאט מיט צוגענגליכע טשיילד קעיר אפציעס. די ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער'ס נייע לאקאציע וועט פארשטערקערן שטיצע פאר פאמיליעס און זייערע קינדער,ביישטייערנדיג צו א שטערקערע לאקאלע עקאנאמיע בשעת'ן שטיצן די לעבהאפטיגקייט פון די איסט ענד קאמיוניטי."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט באורד פארזיצער, קעווין לאו, האט געזאגט,** "ווען מיר שטיצן ארבעטנדע פאמיליעס, פארשטערקערן מיר אונזער קאמיוניטי און אונזער ראיאנישע עקאנאמיע. אנגעהויבן פונעם באוייכערן יונגע מוחות ביזן ערמעגליכן עלטערן צו מצליח זיין אין זייערע קאריערעס — וועט די צענטער'ס נייע לאקאציע נערן סיי די געזעלשאפטליכע מאטעריאל און סיי די עקאנאמישע פאטענציאל פון לאנג איילענד פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**פארזיצער פון די LIREDC, לינדע אַרמין, טשיף סטרעטעדזשי און מארקעטינג אפיסער ביי Bethpage Federal Credit Union, און דר. דזשאַן נעידער, פרעזידענט פון פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש, האבן געזאגט,** "עס איז אונז אן עהרע זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול ביים אפצייכענען די באדייטנדע ערריינכונג וואס שטיצט שווער-ארבעטנדע פאמיליעס אין לאנג איילענד'ס איסט ענד. פארבעסערן די צוגענגליכקייט פון טשיילד קעיר צייכנט אפ א גרויסע שפרינג פאראויס פאר ראיאנישע עקאנאמישע פארשריט, און עס האלט די שליסל צו אונטערהייבן סיי ביזנעסער און סיי די קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטאר ענטאני פעלאַמבאָו האט געזאגט,** "ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער'ס נייע לאקאציע העלפט זיכער מאכן אז אלע פאמיליעס און קינדער האבן צוטריט צו אויסערגעוועינטליכע און אפּאָרדעבעל טשיילד קעיר אפציעס אין די איסט ענד פון לאנג איילענד, און עס אדרעסירט די ראיאן'ס וואקסנדע פארלאנג פאר טשיילד קעיר סערוויסעס."

**אסעמבלי מיטגליד פרעד וו. טיעלע, דזשוּניאר האט געזאגט,** "מיט געוואלדיגע שטאלץ און הכרת הטוב פייערן מיר די אפיציעלע באנייאונג צערעמאניע פון די נייע געביידע ביי די ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער ('די צענטער'). עס איז ווענדפונקט פאר די צענטער — א קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציע וואס איז היסטאריש געווען טונקל-הויטיג, דינענדיג אלע איסט ענד קינדער און פאמיליעס וואס זענען געווען באזייטיגט. די צענטער'ס חינוך'דיגע און באוייכערנדע פראגראמען זענען ווי א רעטונג שטריק פאר ארבעטנדע פאמיליעס. ניו יארק'ס אינוועסטירונג אין די צענטער זענען נישט בלויז אין די ציגל און בעטאן — נאר אין די צוקונפט פון אונזער קאמיוניטי. די צענטער – מיט טיפע ווארצלען אין אונזער היסטאריע און געטריבן דורך מיטגעפיל – האט געענערט די וואוילזיין פון איסט ענד קינדער און פאמיליעס זינט די טראגישע פייער אין די 1950'ער יארן וואס האט געפירט צו די אוועקשטעלונג דערפון. אונטער די אויסערגעוועינטליכע פירערשאפט פון עקזעקיוטיוו דירעקטארין באַני מישעל קענאן, פלעגט די צענטער אן אריינגעמנדע אטמאספערע וואס שטיצט וואוקס, וויסנשאפט און באפולמעכטיגונג — אפגעזעהן פון די הונטערגרונט. צוזאמען בויען מיר אויף א יסוד פון האפענונג און געלעגנהייט וואס וועט אויפהייבן דורות אין די צוקונפט."

**סופאָלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאָון האט געזאגט,** "די לאקאציע ברענגט מיט זיך א געוואדליגע געלעגנהייט פאר סופאָלק קאונטי פאמיליעס מיט בויגזאמע סקעדזשולס, ארבעטסקראפט טרענירונג, עפטער-סקול פראגראמען און פיל מער. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג צו ארבעטנדע פאמיליעס און פארן שאפן א שטערקערע און מער צוזאמגעבינדענע קאמיוניטי."

**טאון אָוו סאַוטהעמפטאן סופּערווייזאר, דזשעי שניידערמאן, האט געזאגט,** "די טאג איז ענדליך אנגעקומען צו עפענען די טירן פון די צענטער'ס נייע געביידע און אויפנעמען אלע שמייכלנדע קינדער וועלכע וועלן לערנען און וואקסן דא אין די ווענט. די קאמיוניטי איז געווען איבערגעגעבן צו די נייע לערנונג צענטער פראיעקט ווייל יעדער איינער פארשטייט אז די קינדער זענען אונזער צוקונפט."

**סופאָלק קאונטי לעגיסלאטארין, ברדיזשעט פלעמינג, האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האט די ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער געשפילט א קריטיש-וויכטיגע ראלע ביים צושטעלן טשיילד קעיר און עדזשוקעישען סערוויסעס פאר אונזער איסט ענד קאמיוניטי, באזונדערס פאר די וועלכע האבן נישט באקומען גענוג סערוויסעס און מיטלען. מיט די אויסברייטערונג פון אירע לאקאציעס, קען די צענטער יעצט פארמערן דאס וואס זי אפפערט פאר די קאמיוניטי, פון עפטער-סקול, מוזיק און זומער פראגראמען ביז קאלעדזש צוגרייטונג און ארבעטסקראפט טרענירונג. אלץ א קאונטי לעגיסלאטארין, בין איך שטאלץ אז סופאָלק קאונטי האט געשפילט א חלק אינעם פארזיכערן אז די צענטער גייט אן מיט איר ארבעט פאר דורות אין די צוקונפט און בלייבט א סטאבליזירנדע קראפט אין די קאמיוניטי. איך גראטוליר די צענטער און אירע פילע שותפים און שטיצער פאר די וואונדערבארע עררייכונג."

**ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער עקזעקיוטיוו דירעקטארין, באַני מישעל קענאן, האט געזאגט,** "מיר ווילן אז יעדער זאל וויסן אז די צענטער טוט פיל מער פון בלויז טשיילד קעיר און פארוויילונג אקטיוויטעטן. מיר זענען א פולע-סערוויס קאמיוניטי צענטער וואס איז שוין דא פאר 70 יאר. יעדעס קינד באקומט פערזענליכע מענטארינג און הדרכה. מיר ברענגען געלעגנהייט און העלפן אויסגלייכן די מעגליכקייטן פאר אונזערע באזייטיגטע קינדער און פאמיליעס. מיר שטאלצירן מיטן זיין א פאמיליע."

**פרעזידענט און CEO פון די לאנג איילענד אסאָוסיעישען און פארזיצער פון די טשיילד קעיר קאונסיל אָוו סופאָלק, מעט קאָוהען, האט געזאגט,** "טשיילד קעיר איז אויך וויכטיג פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, און דערפאר לויבט די ביזנעס קאמיוניטי אויס גאווערנער האקול פארן לייגן טשיילד קעיר אלץ פריאריטעט און אינוועסטירן דערין. אן ערשט-קלאסיגע נייע לאקאציע אין ברידזשהעמפטאן וועט ערלויבן עלטערן צו ארבעטן, און דאס וועט פירן צו מער ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס, בשעת'ן גיבן זייערע קינדער א זיכערע און חינוך'דיגע סביבה צו מאכן פריינט און לערנען."

די ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער שטייט אלץ א קריטישע יסוד פון שטיצע פאר פאמיליעס און קינדער וועלכע וואוינען אין די איסט ענד פון לאנג איילענד. ניו יארק סטעיט'ס שטיצע פאר ארגאניזאציעס ווי ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער איז קריטיש צו פלעגן גלייכקייט און בליהאונג אריבער די סטעיט. דורכן אינוועסטירן אין עדזשוקעישען פאר קליינע קינדער און אין עפטער-סקול פראגראמען, ארבעטסקראפט באטייליגונג און ברייטע פאמיליע שטיצע — גיסט ניו יארק די יסוד צו אונטערהייבן ארבעטנדע פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט, שטיצן די מעגליכקייט פון מענטשן צו פארבעסערן זייער געזעלשאפטליכע צושטאנד און פלעגן שטערקערע און מער פארבינדענע קאמיוניטיס.

די פארענדיגונג פון ברידזשהעמפטאן טשיילד קעיר און פארוויילונג צענטער שטרייכט אויך אונטער גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן טשיילד קעיר אפציעס פון א הויכע

קוואליטעט פאר ניו יארקע פאמיליעס. אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, האט די גאווערנער פארזיכערט א פיר-יאריגע, 7 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין טשיילד קעיר, אריינרעכענענדיג 500 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן ניו יארק'ס טשיילד קעיר ארבעטסקראפט דורך דעם 'ארבעטסקראפט אנהאלטונג גרענט פראגראם' (Workforce Retention Grant Program) און 4.8 מיליאן דאלאר פאר א נייע פראגראם וואס פרובירט אויס א סיסטעם אין וועלכע ארבעטסגעבער שטעלן צו טשיילד קעיר פאר זייערע ארבייטער (Employer-Sponsored Child Care Pilot Program), מיט די קאסטן ווערנדיג צוטיילט צווישן די ארבעטסגעבער, די סטעיט רעגירונג און די ארבייטער. די היסטארישע טשיילד קעיר אינוועסטירונג אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט אויך אריינגערעכנט 1 מיליאן דאלאר צו אויפשטעלן א 'ביזנעס נעוויגעיטאר' פראגראם אין יעדע פון די 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ראיאנען צו העלפן אינטערעסירטע ביזנעסער צו טרעפן אפציעס וויאזוי צו שטיצן זייערע ארבייטער מיט טשיילד קעיר באדערפענישן. די געלטער וועלן אויך גענוצט ווערן צו אהערשטעלן א טשיילד קעיר אנווייזונג ביכל פאר ארבעטסגעבער אריבער די סטעיט. די גאווערנער'ס אינוועסטירונג האט אויך אריינגערעכנט 179 מיליאן דאלאר אין שטייער פארגרינגערונג פאר פאמיליעס מיט קינדער אונטער פיר יאר אלט דורך א פארברייטערונג פון די 'עמפּייער סטעיט טעקס קרעדיט'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418